**מײַנע דרײַ גרויסע ביזיונות**

דרײַ אויטאָביאָגראַפֿישע  דערציילונגען פֿון **ברכה קאָפּשטיין** אין יונגעיאָרן

## דער שטרודל

בײַ דער משפּחה לודוויג, לאַנדסלײַט פֿון מײַן שטעטל פּרילוקע, ווו כ׳האָב געלעבט מײַנע ערשטע עמיגראַנטישע יאָרן, אין וויניפּעג, קאַנאַדע, זײַנען געווען צוויי שיינע יונגע בחורים, דער  ייִנגערער, אַ שוואַרץ חנוודיקער מיט קויל שוואַרצע האָר, הויך געוואַקסן, ביידע. דער עלטערער אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן און אַ מילדן פּנים, און ״די גרויסע טאָכטער״ ליזאַ, קוים צוואַנציק יאָר אַלט, אַ שיינע ברונעטקע, גראַציעז, מיט אַ מויל ווײַסע ציין און מיט אַ לעבנסלוסט וואָס האָט אָנגעשטעקט די גאַנצע שטוב מיט פֿרייד. און אַ קליין מיידעלע, מיט בלויע אייגעלעך, און לאַנגע בלאָנדע לאָקן. ווי אַ מאַלכל שיין. זי איז געווען די ״בת-זקונים״ נאָכן פֿאַראייניקן זיך פֿון כײַקען מיט איר מאַן אין קאַנאַדע, נאָך אַ סך יאָרן...

די שטוב האָט תּמיד געגרוישט מיט לעבן. יעדן אויפֿדערנאַכט האָט מען אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפֿאָן מיט דער גרויסער טרובע און מ׳האָט געטאַנצט לויט די ״פֿאָקסטראָט״ פּלאַסטינקעס, מיט די שטענדיקע געסט, מיידלעך און בחורים, וועלכע פֿלעגן קומען אָן אויפֿהער. און אין דעם קליינעם פּירעקעכיקן ״פֿראָנט-רום״ (סאַלאָן) האָט מען כסדר געשפּילט די איינציקע צוויי פּלאַסטינקעס ״איך בין אַ באָרדער בײַ מײַן ווײַב״ און ״איז געקומען צו מיר אַ קוזינע, שיין ווי גאָלד איז זי געווען די גרינע״.

אינעם גרעסערן צימער, אין דער ״סטאָלאָווע״ (עסצימער) זײַנען שטענדיק געזעסן אַרום דעם לאַנגן טיש משפּחה-געסט, וועלכע האָבן ליב געהאַט  צו קומען צו כײַקען. מ׳האָט גוטמוטיק גערעדט, מערסטנס וועגן דער, אָדער יענער ״כּלה-מויד״, וועגן אַ לײַטישן שידוך וואָס מ׳האַלט אין מאַכן, און אויך פֿאַרקערט, און וועגן ״ביזנעס״ וואָס אַלץ איז מיר געווען פֿרעמד.

איך פֿלעג אין דעם שטענדיקן טומל און ענגשאַפֿט זיך תּמיד געפֿינען אַן אָרט בײַם סאַמע עק פֿון טיש, און דאָרטן זיצן און שרײַבן בריוו צו מײַן חבֿרטע עלקע, נאָך וועלכער איך האָב שטאַרק געבענקט. און לאַנגע בריוו צו מײַן זיידן אין קעשענעוו, וועלכער האָט אונדז, צוויי יונגע מיידלעך אַהערגעשיקט צו כײַקען און די דאָזיקע שטוב איז געוואָרן אונדזער ערשטע היים אין דער פֿרעמד.

כ׳געדענק, כ׳האָב געהערט אַ מאָל ווי כײַקע זאָגט צו אירע געסט: ״אין דעם טומל, **זי** , זיצט און שרײַבט, תּמיד שרײַבט זי״. כײַקע, און אויך איר מאַן, אַבֿרהם, האָבן ניט פֿאַרגעסן וואָס מײַן זיידע, מענדל  שוחט פֿון קעשענעוו האָט פֿאַר איר, מיט אירע דרײַ קינדער געטאָן, בשעת זי האָט אויפֿן וועג קיין קאַנאַדע, נאָך אַלע פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע, און אין אונדזער שטעטל – אים געבראַכט אַ געשריבענעם גרוס פֿון מײַן טאַטן, אַז מיר, די גאַנצע משפּחה פֿון זעקס מענטשן זײַנען לעבן געבליבן, און אַז מיר האָפֿן אויך אַוועקפֿאָרן.

אויס דאַנקבאַרקייט און פֿרייד פֿאַר אַזאַ בשׂורה האָט מײַן זיידע זיי אַרײַנגענומען אין שטוב אַרײַן ווי אַן אייגענע משפּחה, און אַזוי האָבן זיי דאָרטן געלעבט חדשים לאַנג אויף ״אַלעם גרייטן״ און אויך גענאָסן פֿון גרויס געטרײַשאַפֿט, סײַ פֿונעם זיידן און סײַ מצד זײַן משפּחה.

שפּעטער, זײַענדיק בײַם זיידן האָב איך עפּעס געהערט אין שטוב, ווי אַזוי במשך דער צײַט זײַנען אירע קינדער קראַנק געווען, און ווי אַזוי דער זיידע האָט זיי געדינט ווי ״אַן אמתער פֿאָטער״, דאָס

איז געווען אַ סך שפּעטער, ווען מיר, דרײַ יתומים, זײַנען אָנגעקומען צום זיידן. נאָך דעם ווי טאַטע-מאַמע און דאָס ייִנגסטע ברידערל הערשעלע זײַנען אויפֿן שווערן לאַנגן וועג קיין קעשענעוו, בײַם דניעסטער, אינעם שטעטל יאַרוגע געשטאָרבן פֿון טיפֿוס במשך דרײַ וואָכן צײַט.

מיר איז פֿאַרבליבן אין זכּרון דאָס בילד, בשעת געזעגנענען זיך פֿון כײַקען מיט מײַן טאַטן בײַ אונדז אין שטוב ווען ער האָט איר געגעבן אַ בריוועלע צום זיידן. זי איז געווען אַ יונגע שיינע פֿרוי מיט אַן איידעלן פּנים, וועלכע איך האָב פֿריער קיין מאָל ניט געזען און ניט געקאָנט. אפֿשר טאַקע דערפֿאַר איז מיר פֿאַרבליבן אין זכּרון דאָס בילד, ווי אַזוי מײַן טאַטע געזעגנט זיך מיט איר אַזוי פֿרײַנטלעך און אַזוי שטיל. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, זײַענדיק בײַם זיידן אין קעשענעוו איז אַרויס אַ גזירה – שוין פֿון דער רומענישער רעגירונג – אַז מ׳מוז אַרויסשיקן אַלע ״בעזשענצעס״ די אומלעגאַלע עמיגראַנטן, וועלכע געפֿינען זיך אויפֿן וועג קיין אַמעריקע און קאַנאַדע. איבער דער גזירה האָט מען אויך אונדז, צוויי יונגע מיידלעך, געפּאָדערט אַוועקשיקן. מײַן קליין ברידערל משה האָט מײַן זיידע צוגעשריבן צו אַ משפּחה ״אַלסקינד״ און פֿאַר אונדז איז אָנגעגרייט געווען אַ וויזע קיין אַמעריקע פֿונעם זיידנס ברודער. נאָר פּונקט דעמאָלט האָט זיך די קוואָטע פֿאַרמאַכט, און מיר האָבן שוין ניט געקאָנט פֿאָרן קיין אַמעריקע.

כ׳געדענק, אין אַ יום-כּיפּור בײַ טאָג איז דער זיידע פּלוצלינג אַרײַנגעקומען אין שטוב, אָנגעטאָן אין זײַן ווײַסן קיטל, זײַן פּנים איז געווען פּונקט אַזוי ווײַס ווי דער קיטל. ער האָט אונדז שטיל געזאָגט: ״מ׳איז געקומען אין בית-מדרש אײַך זוכן, זיי וועלן אפֿשר קומען אין שטוב, שרעקט זיך ניט קינדער, גאָט איז אַ פֿאָטער פֿון יתומים״... און ער איז צוריק אַרויס פֿון שטוב.

מ׳איז ניט געקומען אונדז זוכן. מיט אַ סך חבֿלי-לידה האָבן מיר זיך שפּעטער דערשלאָגן צו דער קוואָטע פֿון קאַנאַדע. דעמאָלט האָט דער זיידע געפֿונען טרייסט, ווען ער האָט געקאָנט מיט אונדז מיטגעבן אַ קליין צעטעלע צו כײַקען בזה הלשון: ״כײַקע, איך שיק אײַך מײַנע קינדער. זײַט זיי אַ מאַמע״.

דאָס צעטעלע האָבן מיר אַ צונויפֿגעקוועטשטס געהאַלטן בײַ זיך ווי אַ קמיע דורך אַלע שווערע לאַנגע חדשים אין וועג מיט ״בעזשענצעס״, אין די אָבשעזשיטיעס , ענגע, אָרעמע עמיגראַנטן הײַזער אין בוקאַרעשט, רומעניע, ווי אויך זײַן מתּנה מיר אין וועג אַרײַן: אַ לאַנגן לײַכטן ווײַסן האַנטעך מיט דינע פֿרענזעלעך, און אַ ווײַסע, דינע נאַכטהעמד וועלכע איך האָב און היט ביז הײַנטיקן טאָג – דער איינציקער לעבעדיקער גרוס און אָנדענק פֿונעם זיידן.

אויך אויף דער קליינער ענגער שיף ״בראַגאַ״ ווו דאָס פֿאָרן האָט געדויערט אַ חודש צײַט, אין שוידערלעכע באַדינגונגען. דעם גאַנצן לאַנגן וועג געדענק איך נאָר פֿון קראַנק זײַן אויף דער שיף. ס׳איז געווען ווי איין שוואַרצער מעת-לעת, אָן אונטערשייד פֿון טאָג צי נאַכט.

און פּלוצלינג האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַזאַ פֿריילעכער קלאַנג, אַז מיר קומען אָן קיין האַליפֿאַקס – קוויבעק. און ס׳איז געווען פּונקט, דאָס געדענק איך, דער ערשטער טאָג ראָש-השנה, ווײַל דער ליבער ייִד, משה גרעי – דער הויפּט פֿון עמיגריישאָן אין וויניפּעג (אויף הײַנט געזאָגט געוואָרן אַזעלכע ליבע געטרײַע הויפּטן), האָט אונדז באַגעגענט בשעת די שיף איז שטיין געבליבן בײַם ברעג מיט אַ ״גוט יום-טובֿ ייִדן, איר האָט שוין געדאַוונט״? ער איז אַרויף אויף דער שיף – אַ הויך געוויקסיקער מיט אַ העלן פּנים, מילדן בליק. אַ שמייכלענדיקער, געהאַלטן אַ גרייטע רשימה אין די הענט – ״וועמען ער נעמט קיין וויניפּעג״ סימבאַליש. ווי אַזוי ניט גלייבן? מיר די צוויי ייִנגסטע עמיגראַנטן זײַנען געווען אויף זײַן רשימה.

נאָכן שלעפּן זיך עטלעכע מעת-לעת אויף דער באַן פֿון האַליפֿאַקס ביז וויניפּעג – ווּ מיר זײַנען קראַנק געוואָרן סײַ פֿון אַזוי פֿיל לאַנגווײַליקע שעהען פֿאָרן, פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט אויף האַרטע ליידיקע בענק און סײַ פֿון עסן כסדר די סענדוויטשעס פֿון פֿעטער שאַרפֿער סאַלאַמי (ווּורשט) און פֿון סאַרדינען, וואָס האָט אויף יאָרן לאַנג, נאָך ביז הײַנט, מיר פֿאַרמיאוסט דעם טעם פֿון אַזעלכע „דעליקאַטעסנס".

ס'איז געווען אויף דער נאַכט, ווען מיר זײַנען אָנגעקומען קיין וויניפּעג. אַ גרויסער עולם ייִדן האָט באַגעגנט „די נײַע עמיגראַנטן". מ'האָט אויסגערופֿן די נעמען פֿון דער רשימה. ווען מ'האָט אָנגערופֿן אונדזערע נעמען האָט עמעצער געהייסן אונדז, „די קאָפּשטיין שוועסטערלעך" אַרויסגיין און זיך אַוועקשטעלן בײַ אַ זײַט. מיר האָבן אַזוי געטאָן – באַלד האָט עמעצער צוגעפֿירט צו אונדז אַ יונגן מאַן. מיט אַ ראַפֿינירטן פּנים, שוין אַמעריקאַנער געקליידט און אונדז געזאָגט אין ייִדיש: „דאָס איז אַדוואָקאַט קאָפּשטיין, אפֿשר זענט איר משפּחה". צו דערהערן אַז עמעצער דאָ הייסט מיט אונדזער נאָמען איז געווען סתּם עפּעס ווי ניט חלום און ניט ווירקלעכקייט. דער אַדוואָקאַט איז געבליבן שטיין, אונדז אַ ווײַלע באַקוקט. מיר האָבן אַלע געשוויגן...

אין אַ פּאר טעג אַרום, האָט ער זיך באַוויזן אין „עמיגריישאָן הויז". ער האָט גערעדט אַ שוואַכן ייִדיש. ער האָט אונדז כּמעט גאָרניט געפֿרעגט און גאָרניט דערציילט (שוין אָפּגערעדט אַז ער האָט אונדז גאָרניט געבראַכט...). ער האָט נאָר געזאָגט שטיל: ער איז געקומען אונדז נעמען „אין זײַן קאַר" ערגעץ אין אַ פֿאַבריק, אפֿשר וועט מען אונדז געבן אַ „דזשאַב" (אַרבעט)...

מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן קאַר, צוויי אָרעם געקליידטע מיידלעך און זיך אָנגעקוקט, ווּהין פֿאָרן מיר?

ער האָט ניט גערעדט צו אונדז און מיר ניט צו אים. און אָט האָט ער אָפּגעשטעלט זײַן קאַר לעבן אַ גרויסער געבײַדע, געעפֿנט אונדז די טיר און געהייסן אַרויסגיין. מיר זײַנען אים נאָכגעגאַנגען אין אַ לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, אויף אַ סך טרעפּ ביז מיר האָבן דערהערט אַ רויש פֿון מאַשינען, מיר זײַנען שטייען געבליבן אינעווייניק, ניט ווײַט פֿון דער טיר, פֿאַרכשופֿטע. אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי שרעקעוודיק, נעפּלדיק. צום אַדוואָקאַט איז צוגעגאַנגען אַ מאַן. מסתּם דער בעל-הבית, אָדער דער „פֿאָרמאַן", זיך מיט אים פֿרײַנטלעך באַגריסט, און אונדז גענומען באַטראַכטן, אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. איך געדענק ביז הײַנט, דאָס ערשטע מאָל, פֿאַרשעמען זיך מיט מײַן אויסזען. זיי האָבן גערעדט אַ סך, און שטיל. ער האָט עפּעס געזאָגט דעם אַדוואָקאַט עטלעכע מאָל – אַפֿילו אַז דאָס איז געווען אין ענגליש האָבן די שטילע רייד צווישן זיי אונדז דערציילט דעם אמת. אַז ער האָט פֿאַר אונדז ניט קיין אַרבעט.

ער האָט אונדז אָפּגעפֿירט „אַהיים", אין עמיגריישאָן הויז, און צוגעזאָגט נאָך אַ מאָל קומען. אין עטלעכע טעגן אַרום איז ער ווידער געקומען, דערנאָך ווידער אַ מאָל . אַזוי עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד אונדז אַרומגעפֿירט אין פֿאַבריקן (פֿון נאָדל פֿאַכן). אַפֿילו אַ פּאָר מאָל – אין זײַן אַנ טוישונג, אײַנגעטענהט מיט בעלי-בתּים, פֿאַרשטייט זיך אין ענגליש, אָבער לויט זײַן טאָן און לויט זײַן אויסדרוק פֿון פּנים איז ניט שווער געווען צו זען אַז ער רעדט צו, אַז ער בעט שוין פּשוט מ'זאָל אונדז געבן עפּעס אַ דזשאַב. ס'האָט ניט געהאָלפֿן. מיר זײַנען ווידער אַ מאָל צוריקגעקומען אָן אַרבעט.

דערווײַל האָט זיך צווישן עולם אין עמיגריישאָן הויז פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די קאָפּשטיין שוועסטערלעך זײַנען  מזלדיק. זיי האָבן געפֿונען אַ רײַכן קוזין, אַ „סינגל-מאַן" (אַ כּאָלאָסטיאַק) און ער וועט נאָך אפֿשר חתונה האָבן מיט איינער פֿון זיי. „דער רײַכער קוזין" איז נעלם געוואָרן

נאָך די עטלעכע באַזוכן. ניט מיר האָבן געוווּסט ווּ ער איז, ניט מיר האָבן שׂכל געהאַט אים צו זוכן.

(אַ זײַטיקע פּערזענלעכע נאָטע: מיט אַ סך יאָרן שפּעטער אין מײַן קאַריערע אַלס שרײַבערין, לעקטאָרין, בין איך געלאַדן געוואָרן, און מיט פֿאַרגעניגן געקומען, צו "מײַן וויניפּעג". צו מײַנע אויפֿטריטן און פֿאָרלייענען מײַנע לידער איז ער – שוין זייער אַן אָנערקענטער און טאַקע אַ רײַכער אַדוואָקאַט געקומען מיך הערן. אַ מיטליאָריקער, אַ באַוויַיבטער מיט קינדער איז ער ממש שטאָלץ געווען מיך הערן לייענען לידער און ריידן עפֿנטלעך "אַזוי שיין" ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט דעמאָלט זייער פֿרײַנטלעך מיך געלאַדן אין זײַן שטוב. ערשט דעמאָלט האָב איך דערפֿילט אַ קרובֿהשאַפֿט און אויך ער האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זײַן משפּחה און פֿריינט פֿאַר זײַן "קוזינע" און זיך אמתדיק פֿרײַנטלעך באַצויגן צו מיר בשעתן גאַנצן באַזוך מײַנעם אין וויניפּעג).

די עמיגראַנטן הויז אין וויניפּעג איז געוואָרן אונדזער היים פֿאַר אַ לאַנגער צײַט. דאָרטן האָבן מיר פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון זוכן אַרבעט און ניט געפֿינען, און שפּעטער פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אויפֿשטיין ווען נאָך פֿינסטער און אינעם גרויסן קאַלטן עסצימער באַקומען פֿאַר פֿרישטיק אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל ברויט מיט פּאָווידלע (אײַנגעמאַכטס) און זיך אַרויסלאָזן אין קאַלטע פֿראָסטיקע פֿרימאָרגנס אין שאַפּ. אָבער ווי קום איך אָן אין אַ שאַפּ? אין איינעם אַ בײַטאָג האָט אַ באַאַמטער פֿון עמיגריישאָן הויז אַרויסגערופֿן אין דרויסן אַ גרופּע מיידלעך און בחורים, אונדז אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער רייע און געהייסן וואַרטן. ס'איז אָנגעקומען אַ הויך געוויקסיקער מאַן, מיט אַ פֿאַרשמאָלצענעם פּנים, מיט ברייטע ליפּן. מיר האָבן ניט געוווּסט ווער ער איז, וואָס ער וויל. ער האָט אונדז געזאָגט : "איך דאַרף האָבן אַן אַרבעטער". זײַנען מיר אַלע געשטאַנען, הייסט עס, ווי בהמות אין מאַרק. ער האָט גענומען שפּאַנען זייער נאָענט לעבן דער ריי. אַרײַנגעקוקט אַלעמען אין פּנים, אין די אויגן. געפֿרעגט פֿראַגן. אַזעלכע מאָדנע פֿראַגן. אַלע האָבן געענטפֿערט שטיל און קורץ און ער האָט ווײַטער געפֿרעגט. מיר איז, זעט אויס, עפּעס ניט געפֿעלן געוואָרן זײַן אַזוי פֿיל פֿרעגן. און כאָטש איך בין געשטאַנען די לעצטע אין דער לאַנגער ריי האָב איך אים איבערגעשלאָגן "איר פֿרעגט צו פֿיל". ער האָט אַ טייטל געטאָן מיטן פֿינגער אויף מיר, און געזאָגט: "אָ, אָט אין דער קליינער האָב איך זיך אײַנגעליבט. דו באַקומסט אַרבעט, קום מאָרגן אין דער פֿריי" און ער איז נעלם געוואָרן.

כ'האָב דערפֿילט ווי מ'וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. דווקא איך? די ייִנגסטע פֿון אַלע גרויסע מיידלעך און בחורים? **איך** באַקום אַרבעט? כ'האָב געזען ווי די ריי צעפֿאַלט זיך אין אַלע זײַטן. מיך לאָזט מען אַליין. "מ'איז ברוגז". און איך, וואָס וואָלט מסתּם געדאַרפֿט זײַן "גליקלעך", איך בין געווען אַזוי דערשלאָגן, אַזוי אומעטיק. איך דאַרף מאָרגן אין דער פֿרי שוין גיין אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק. כ'בין געווען אַזוי אין כּעס אויף דעם אומגעלומפּערטן מאַן, אָבער קיינער וואָלט מיר סײַ ווי ניט געגלייבט.

אין שווערע אַנגסטן האָב איך קוים דורכגעלעבט די נאַכט. יאָ, אין דעם עמיגראַנטן הויז האָבן מיר שוין געוווּסט דעם טעם פֿון זײַן זייער מיד פֿון דער אַרבעט, פֿלעגן מיר ליגן, שבת אַ האַלבן טאָג און זונטיק אַ גאַנצן טאָג אין די בעטן אין די גרויסע ליידיקע בשותּפֿותדיקע שלאָפֿצימערן, אין עלנטקייט, רוען, רוען פֿון דער שווערער וואָך אַרבעט אין שאַפּ, און פֿול מיט זאָרג וועגן דער נײַער וואָך שווערער אַרבעט.

מיר האָבן ניט געוווּסט ווען און צי בכלל וועט אַ מאָל קומען כײַקע צו אונדז.

אין איינעם אַ זונטיק פֿאַר מיטאָג איז פּלוצלינג אַרײַנגעקומען אין צימער אַ חנוודיקע פֿולע פֿרוי האַלטנדיק אַ קליין שיין מיידעלע מיט בלאָנדע לאָקן בײַ דער האַנט. זי האָט געפֿרעגט: ווער זײַנען דאָ וועלוול שוחטס קינדער?״. ״מיר״ – האָבן מיר ביידע אין איין אָטעם געענטפֿערט. ״איך בין כײַקע, קומט״ - ״וואָס מיינט איר, וווּהין?״ - ״קומט מיט מיר אַהיים״ – ״האָט איר געזאָגט דער ׳נאַטשאַלסטווע׳ (פֿאַרוואַלטער)״׳, האָבן מיר געפֿרעגט – ״שוין געזאָגט. זיי ווייסן. קומט קינדער״.

מיר האָבן אַראָפּגעטאַנצט פֿון די בעטן. מיר האָבן כּמעט גאָרניט געהאַט וואָס מיטצונעמען. מיר זײַנען געגאַנגען מיט איר שווײַגנדיק.

אין גאַס איז געווען זייער קאַלט און לויטער. אַ וויניפּעגער ווינטער טאָג. כײַקעס שטוב איז געווען אַ קליינע, מיט אַ סך אַלט מאָדישע מעבל און אַ ליבע וואַרעמקייט אינעווייניק. מיט דער דאָזיקער וואַרעמקייט האָט אונדז אויפֿגענומען איר גאַנצע משפּחה.

מיר האָבן געגעבן כײַקען ״דאָס צעטעלע״. זי האָט עס ניט געעפֿנט און געזאָגט: ״איך ווייס, דער זיידע האָט מיר געשריבן. דאָס וועט זײַן אײַער היים, קינדער״.

מיר זײַנען געוואָרן אַ טייל פֿון דער לודוויג-משפּחה. כײַקע מיט איר מאַן – אַ גוט האַרציקער, האָרעפּאַשנע מענטש, ״אַ דזשאָנק-פּעדלער״, וואָס מיר האָבן שפּעטער אויסגעפֿונען, אַז קיין בכּבֿודיקע אַרבעט איז דאָס ניט, אָבער פּרנסה בשפֿע. האָבן אויף אונדז אויפֿגעפּאסט ווי אויף אייגענע קינדער.

דער גרויסער קיילעכדיקער טיש אין דער ליכטיקער גראַמער קיך איז תּמיד גרייט געווען מיט כּל-טובֿ פֿאַר אַלעמען צו עסן, יעדן פֿרימאָרגן, פֿאַר אונדזער אַוועקגיין אין שאַפּ איז ניט נאָר געווען גרייט אַ געקאָכטער פֿרישטיק נאָר עס זײַנען געלעגן אײַנגעוויקלט פֿאַר אונדז (וואָס איר מאַן האָט תּמיד ליב געהאַט צו טאָן) געשמאַקע סענדוויטשעס, מיטצונעמען צו דער אַרבעט. אויפֿן גרויסן שוואַרץ-טשעוונענעם אויוון, בפֿרט ווינטער, האָט תּמיד געזאָטן אַ גרויסער טשײַניק און אָנגעשטעקט די קיך מיט זײַן הייסער פּאַרע. ס׳האָט זיך אַזוי ניט געגלוסט פֿאַרלאָזן זי וואַרעמע ליכטיקע קיך.

איך האָב געאַרבעט אין אַ גרויסן ״ניטיניג-שאַפּ״, ווו מ׳האָט געמאַכט כּלערליי שיינע וואָלענע סוועדערס, שאַרפֿן, היטלען [וכולי]. איך האָב שוין אַליין געביטן מײַן ערשטן דזשאַב, וועלכן כ׳האָב באַקומען אין עמיגראַנטן הויז – טאַקע פֿון דעם אומגעלומפּערטן מאַן – ווו מ׳האָט מיר געצאָלט זעקס דאָלאַר אַ וואָך, און דאָ האָב איך פֿאַרדינט זיבן דאָלאַר אַ וואָך. איך פֿלעג וויקלען די וואָל אויף צוועלף לאַנגע הילצערע קלעצער (״ספּולס״) אויף אַ גרויסער עלעקטרישער מאַשין, געדאַרפֿט שנעל פֿאַרקניפּן די וואָל ווען זי האָט זיך איבערגעריסן. און ווײַטער לאָזן לויפֿן די ספּולס. דאָס כּסדר מאַכן קנופּן איז מיר געווען דערווידער און אַז כ׳האָב זיך אַ מאָל פֿאַרקלאָגט פֿאַר אַן אַרבעטער האָט ער מיר געענטפֿערט: ״וואָס אַרט דיך? פֿאַר קנופּן צאָלט מען געלט״. די אַרבעט איז געווען שטייענדיק אַכט שעה אַ טאָג. מיט קוים אַ שעה איבעררײַס פֿאַר מיטאָג. עטלעכע מאָל אַ וואָך האָבן מיר געמוזט אַרבעטן ״אָווערטײַם״, דאָס הייסט, נאָך די אַכט שעה האָט מען אָפּגעשטעלט די מאַשינען פֿאַר צוואַנציק מינוט באַלד בריענגען פֿריש ברויט מיט אַ פֿלעשל קאָקע-קאָלאַ. אַלע זײַנען געווען הונגעריק און מיד, האָט דער ״סאַפּער״ געהאַט טויזנט טעמים און אַרבעטן ווײַטער ביז אויף דער נאַכט האָט מען געמוזט. איך האָב שוין אין יענעם ערשטן ווינטער נאָך באַוויזן זיך פֿאַרשרײַבן אין ״נײַט סקול״ – אָוונט קורסן פֿאַר לערנען ענגליש. די פּאָר מאָל אין סקול האָבן מיר פֿאַרשאַפֿן אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגן און כ׳האָב שוין אָנגעהויבן ליב האָבן ענגליש ווײַל כ׳האָב אויפֿגעכאַפּט אייניקע ווערטער און פֿלייסיק זיי פֿאַרגעדענקט.

די לערערין האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פֿאַרשטענדעניש פֿאַר עמיגראַנטן שילער, זיי געהאָלפֿן און געמוטיקט. איך פֿלעג שפּעטער באַקומען פֿון איר קאַרטלעך מיט אָנפֿראַגן פֿאַר וואָס האָב איך אויפֿגעהערט גיין אין סקול? און ווי וויכטיק עס איז צו לערנען ענגליש. כ׳האָב איר קיין מאָל ניט געענטפֿערט. מײַן פֿאַרדרוס איז געווען צו גרויס און ״די אמתע סיבה״ האָב איך זיך געשעמט איר דערציילן.

מיטאָג צײַט זײַנען די אַרבעטער געזעסן אויף בענקלעך בײַ דער טיר פֿון פֿאַבריק, זומער – אין דרויסן, ווינטער – אינעווייניק. מ׳האָט געגעסן די סענדוויטשעס און מ׳האָט גערעדט פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן, אויך פֿון ״וועלט געשעענישן״. איך האָב זיי אַזוי מקנא געווען – פֿון וואַנען ווייסן זיי אַזוי פֿיל? איין מאָל האָב איך געזען אַ מאַן האַלטן אַ ייִדישע צײַטונג אונטער דער פּאַכווע. כ׳האָב באַמערקט אַ פּאָר קעפּלעך און דערזען אַז אַלץ וואָס זיי ריידן ווייסן זיי גאָר פֿון די קעפּלעך. איך האָב בײַ זיך געטראַכט: ״קאָן איך דאָך אויך לייענען קעפּלעך״ און כ׳האָב בײַ זיך פֿעסט באַשלאָסן כ׳וועל אָנהייבן לייענען קעפּלעך פֿון צײַטונגען.

כ׳געדענק ניט ביז הײַנט צו וועלכער אַרבעט זײַנען כײַקעס קינדער געגאַנגען. כ׳ווייס נאָר אויף זיכער אַז אין קיין שאַפּ האָבן זיי ניט געאַרבעט. עפּעס זײַנען זיי תּמיד געווען אויפֿגעלייגט, פֿריילעך און קיין מאָל ניט אַזוי מיד ווי איך. ״גוירל פֿרענדס״ און ״בוי פֿרענדס״ האָבן קיין מאָל ניט געפֿעלט אין שטוב. מ׳האָט געטאַנצט, געלאַכט און אַפֿילו אַ ביסל זיך געקריגט.

כ׳געדענק די ווערטער: ״דזשעלעס״, ״אָפּגעבראָכן״, ״זי גייט סטעדי״ און נאָך אַזעלכע רייד וועגן וועלכע כ׳האָב ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף.

די שיינע ליזאַ האָט שוין געהאַט ״אַ סטעדי בוי״ (דזשעק) און ס׳איז טאַקע געווען אַ ליבע. אויך ער – אַ שיינער הויכער בלאָנדער בחור. און אַ סך א רואיקערער פֿון איר. דזשעקס עלטערן פֿלעגן קומען אָפֿט אויף דער נאַכט אין שטוב אַרײַן און מ׳האָט גערעדט תּכלית. זיי זײַנען מיט מזל געוואָרן חתן-כּלה. דערווײַל האָבן חתן-כּלה זיך גענומען קריגן. שטאַרק קריגן, שיִער, שיִער ניט ״אָפּברעכן״ (דאָס מאָל האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען דאָס וואָרט).

ליזאַ האָט זייער ליב געהאַט און טאַקע געקענט שיין טאַנצן. פֿלעגט זי אָפֿט גיין צו ״דענסעס״. זי האָט אַפֿילו איין מאָל טאַקע באַקומען אַ ״פּריז״ פֿאַר איר שיין טאַנצן, און טאַקע מיט דזשעקן. אָבער זי פֿלעגט טאַנצן אויך מיט אַנדערע בחורים, און די עלטערן האָב זיך געזאָרגט ״טאָמער וועט זי דאָרט אָנטרעפֿן אַן אַנדערן״. דזשעק איז געווען זייער אײַפֿערזיכטיק.

כ׳געדענק (אַ זאַך וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן), זי האָט זיך געקויפֿט אין ״היטנס״, די גרעסטע און זייער אַ באַוווּסטע דעפּאַרטמענט קראָם אין שטאָט (און אגבֿ, איבער גאַנץ קאַנאַדע) אַ ווײַסע זיידענע קלייד באַפּוצט מיט צאַרטע קרוזשעוועס און מיט אַ סך קליינינקע גלאַנציקע ווײַסע קרעלעלעך, פֿאַר הונדערט דאָלאַר. ס׳איז ניט צו באַגרײַפֿן וויפֿל געלט דאָס האָט דעמאָלט געמיינט (ס׳איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן). אַלע האָבן געשטוינט, נאָר זי – די פֿריילעכע ליזאַ האָט געקוועלט בשעת זי האָט אַלעמען באַוויזן איר קלייד.

מיר איז ליזאַ זייער געווען צום האַרצן. אפֿשר איבער איר פֿריילעכקייט. כאָטש היפּש עלטער פֿון מיר האָבן מיר זיך געחבֿרט. זי פֿלעגט מיר דערציילן וועגן ״איר ראָמאַן מיט דזשעקן״. און דאָס האָט מיר אימפּאָנירט. ס׳איז געווען פֿאַר מיר אַ ווײַטע, שיינע וועלט. איך פֿלעג בלײַבן יעדן זונטיק אין שטוב. ווי דען? כ׳בין געווען צו יונג צו גיין ערגעץ פֿאַרברענגען, צו יונג צו האָבן ״מיט וועמען״ צו גיין. קיין נאָענטע חבֿרטעס האָב איך נאָך ניט געהאַט, מײַן שוועסטער פֿלעגט שוין יאָ אַ מאָל אַרויסגיין פֿאַרברענגען ״מיט עמעצן״.

איין זונטיק האָט כײַקע, אַוועקגייענדיק מיט איר מאַן פֿון שטוב, מיך שטילערהייט געבעטן איר שפּעטער דערציילן "צי האָבן זיי זיך געקריגט?". איך – אין מײַן נאַיִוויטעט, האָב איר צוגעזאָגט דערציילן דעם אמת. "שטאַרק געקריגט? יאָ, זייער שטאַרק" – כ'האָב געזען ס'האָט איר ווי געטאָן. האָב איך שוין שפּעטער שׂכל געהאַט ניט דערציילן.

אין אַ קרוצער צײַט אַרום האָט מען מיט מזל געפּראַוועט אַ חתונה מיט אַלע אַמעריקאַנער פּיטשעווקעס. די קליינע שטוב איז פֿון זיך אַליין אויסגעוואַקסן גרויס. די שׂימחה האָט צעשטופּט די ווענט. די חתונה איז ניט צו פֿאַרגעסן. די חופּה קלייד וואָס מ'האָט חדשים לאַנג געניייט דער כּלה, דאָס קליינע בלאָנדע שוועסטערל אויסגעקראַנצט דאָס קעפּעלע מיט בלימעלעך האָט די ערשטע נאָך דער כּלה נאָכגעטראָגן צוויי קיישעלעך בלומען האַלטנדיק די שפּיצן פֿון דער לאַנגער חופּה-קלייד. דערנאָך ערשט האָבן געשפּאַנט אויסגעפּוצטע אין ווײַסן חבֿרטעס מיט קוישן בלומען (ברײַדס מיידס) און די דרשה-געשאַנקען וואָס די גרויסע משפּחה און געסט האָבן געהאַלטן אין איין ברענגען. הײַנט די געבעקסן וואָס מ'האָט וואָכן נאָך אַנאַנד פֿריִער געבאַקן, איבערהויפּט דער שטרודל, אַזעלכע דינע ווײַסע בלעטער טייג, אָנגעפֿילט מיט כּלערליי צעהאַקטע ניס געפּרעגלטע אין האָניק מיט ראָזשינקעס, מיט נעגעלעך. ס'איז געווען טעם גן-עדן. אָט דער שטרודל האָט מיר שפּעטער אַזוי פֿיל בלוט געקאָסט. אין דעם שאַפּ ווו כ'האָב געאַרבעט האָבן געאַרבעט אַ סך יונגע מיידלעך, מערסטנס מײַנע "שיף שוועסטער". טאַקע פֿון דעם עמיגראַנטן הויז. און זיי טאַקע האָבן מיר געהאָלפֿן באַקומען "דעם דזשאַב".

וועגן דער חתונה האָט מען גערעדט אין שאַפּ טאָג נאָך טאָג. איין מאָל האָט מיר כײַקע מיטגעגעבן אַ פּעקל מיט שטרודל "פֿאַר די מיידלעך". זיי האָבן געלעקט די פֿינגער. אַזאַ שטרודל האָבן זיי נאָך קיין מאָל ניט געגעסן.

ס'איז שוין געווען לאַנג נאָך דער חתונה און נאָך די שבֿע-ברכות, אָבער געסט און משפּחה האָבן ניט אויפֿגעהערט צו קומען יעדן אויף דער נאַכט. מ'האָט געבראַכט כּיבוד, דער גראַמאָפֿאָן האָט געשפּילט, כּסדר האָט מען געהערט די זעלבע צוויי פּלאַסטינקעס "איך בין אַ באָרדער בײַ מײַן ווײַב" און "איז געקומען צו מיר אַ קוזינע, שיין ווי גאָלד איז זי געווען די גרינע". אינעם קליינעם "פֿראָנט-רוים" האָט יונגוואַרג געטאַנצט לויט די פֿאָקסטראָט פּלאַסטינקס. איך געדענק אַפֿילו ווי אַ געוויסע צײַט פֿלעג איך זיך בעטן בײַ דייווין, דעם ייִנגערן שוואַרץ חנוודיקן בחור וועלכער איז מיר געווען סימפּאַטישער, ער זאָל "מיך נעמען פֿאַר אַ טאַנץ". כ'האָב זייער געוואָלט זיך "אויסלערנען טאַנצן". ער האָט דאָס אַ פּאָר מאָל געטאָן. איך בין אַזוי ערנסט געווען אַרײַנגעטאָן אין "שטעלן די ריכטיקע טריט" אַז פֿונעם טאַנצן גופֿא האָב איך אַפֿילו ניט הנאה געהאַט. און סך-הכּל איז ער שפּעטער געווען דער פֿון ווען איך האָב באַקומען "דעם ערשטן קוש", דעם טעם – ווער קאָן פֿאַרגעסן?

די מיידלעך אין שאַפּ האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאַנגען פֿון מיר איך זאָל זיי ברענגען נאָך שטרודל. כ'האָב זיי געזאָגט: "ס'איז שוין ניטאָ". שוין לאַנג אַז מ'עסט די "קייקס", די פֿאַרשיידענע געבעקס וואָס כײַקעס געסט ברענגען. זיי האָבן מיר ניט געגלייבט. טאָג נאָך טאָג זײַנען זיי מיר דערגאַנגען די יאָרן, געפֿאָרדערט, געבעטן, איך זאָל זוכן – "עס שטייען נאָך געוויס ערגעץ בעקנס מיט שטרודל, זוך גוט ווען קיינער איז ניטאָ אין שטוב".

אין אָנהייב האָב איך זיך דערשראָקן פֿאַרן געדאַנק, זיי אָפּגעזאָגט. אָבער זיי האָבן מיך ניט צו רו געלאָזט. ביז – ביז כ'האָב זיי צוגעזאָגט.

אין איינעם אַ זונטיק פֿאַרנאַכט ווען יונגוואַרג ״גייט אויס״ אין די עלטערע גייען צו גאַסט, האָב איך זיך גענומען זוכן שטרודל – מיט שרעק, מיט חרטה פֿאַר וואָס כ׳האָב זיי צוגעזאָגט, און מיט אַמביציע ״פֿאָרט צו געפֿינען״ און ניט דאַרפֿן מער אויסשטיין דעם דרוק פֿון די שאַפּ-מיידלעך, ״מײַנע חבֿרטעס״.

איך האָב קיין מאָל אין דער שטוב ניט געעפֿנט קיין שאַפֿע, ניט אַרויסגערוקט קיין שופֿלאָד. מײַנע הענט האָבן געציטערט. און איך האָב דאָס איצטער געטאָן. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. כ׳האָב מורא געהאַט אָנצינדן ליכט, טאָמער וועט עמעצער אָנקומען... אין דער פֿינסטער האָב איך געזוכט, געזוכט. פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ טירל פֿונעם זומער בוידעם, כ׳האָב געעפֿנט און דערזען בעקנס, פֿולע בעקנס שטרודל – אַ היץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, כ׳דאַרף גיך אַרויסנעמען, וויפֿל שטיקלעך? כ׳האָב געכאַפּט מיט ביידע הענט, ניט געטראַכט אַפֿילו אַז עס ווערט ״אַ לאָך אין בעקן״ – פֿאַרמאַכט דאָס טירל פֿון בוידעם און אַראָפּגעשפּרונגען. וואָס טוט מען איצט? ווו לייג איך זיי אַוועק אויף מאָרגן אין דער פֿרי? אינעם שמאָלן קאָרידאָר אונטן, צווישן דער דרויסנדיקער טיר און די טרעפּ וועלכע פֿירן אַרויף צו די שלאָפֿצימערן (געהייסן האָט עס אויף אַ גוטן ייִדיש: ״אַפּסטיירס״) זײַנען תּמיד געהאַנגען אויף אַ דינעם ברעטל מיט שטאָלענע קעפּלעך מאַנטלען. צווישן זיי אויך מײַנער. אַ גרויער, קורצער שווערער מאַנטל. מיט צוויי ברייטע אויבער-קעשענעס. ס׳איז מיר אײַנגעפֿאַלן ״אַ געניאַלער געדאַנק״ – כ׳וועל אײַנוויקלען צוויי פּעקלעך שטרודל און זיי אַרײַנלייגן אין די ברייטע קעשענעס. און אַזוי האָב איך געטאָן. די קעשענעס זײַנען געוואָרן געשוואָלן. כ׳האָב אַפֿילו קיין שׂכל ניט געהאַט פֿאַררוקן אַ ביסל מײַן מאַנטל צווישן די אַנדערע. כ׳האָב געקוקט אויף די פֿולע קעשענעס מיט אַזאַ פֿרייד ״כ׳האָב זיי געפֿאָלגט, כ׳האָב דאָס געטאָן״...

כ׳בין געגאַנגען שלאָפֿן מיטן בילד פֿאַר די אויגן ווי אַזוי די חבֿרטעס וועלן מאָרגן זיך דערפֿרייען צו דערזען די פּעקלעך שטרודל.

אין דער פֿרי, אַראָפּגייענדיק די טרעפּ אויפֿן וועג אין קיך, האָב איך דערזען מײַנע קעשענעס זײַנען ליידיק. ס׳האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח. ״מ׳האָט זיי אַרויסגענומען״ אָבער איך וועל ניט פֿרעגן. כ׳וועל שווײַגן.

אין דער ברייטער ליכטיקער קיך, אויפֿן גרויסן קײַלעכדיקן טיש, ווו ס׳איז תּמיד געשטאַנען גרייט הייסע טיי מיט מילך, אָנגעשמירטע רעפֿטלעך ברויט מיט פּוטער און מיט קעז, און גרייט פֿאַרוויקלטע סענדוויטשעס מיטצונעמען צו דער אַרבעט, זײַנען איצט אין צוגאָב צו דעם אַלעם, געלעגן צעשפּרייט אויף מײַן ווײַס פּאַפּיר, איבערן גאַנצן טיש, די קלאָר ווײַסע פֿירעקעכיקע שטיקלעך שטרודל. דאָס בלוט איז מיר פֿאַרלאָפֿן אין די אויגן. כ׳ײַקע מיט איר מאַן זײַנען ווי תּמיד געווען אין קיך, דערלאַנגט די הייסע מילך. זיי האָבן ניט געקוקט אויף מיר. איך האָב אָנגעבויגן מײַן קאָפּ צום טיש. אַלע האָבן געשוויגן. אָט די טויט שטילקייט האָט מיר געברענט דאָס לײַב. ס׳האָט געשווינדלט פֿאַר די אויגן. פֿאַר וואָס זאָגן זיי גאָרניט? זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער ברייטער קיך. כ׳האָב געפֿילט זיי קוקן אויף מיר. זיי וואַרטן מסתּם איך זאָל עפּעס זאָגן. מיך האָט געוואַרגט אין האַלדז. אין דער ליכטיקער קיך איז איצטער געווען אַזאַ נפֿל. כ׳האָב געפֿילט כ׳ברען פֿון בושה. כ׳האָב אַ טרונק געטאָן אַ ביסל פֿון דער גלאָז, גענומען דאָס פּעקל סענדוויטשעס, און אַרויס פֿון קיך אָן אַ וואָרט.

דער צעשפּרייטער שטרודל איבערן טיש האָט מיר געברענט די טריט. אַזאַ היץ האָט געשלאָגן אין קאָפּ, כ׳האָב זיך געשעמט צו גיין איבער די גאַסן. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַלע ווייסן, אַלע

קוקן אויף מיר. ס׳האָט מיר געפֿעלט אָטעם. כ׳האָב געוואָלט וויינען. כ׳האָב ניט געקאָנט. כ׳בין געגאַנגען פֿאַוואָליע, ניט געזען די גאַסן, נאָר דעם אַספֿאַלט. כ׳האָב אַזוי געוואָלט עפּעס זאָל געשען מיט מיר, איך זאָל היינט ניט אָנקומען אין שאַפּ.

כ׳בין געקומען שפּעט, דער פֿאָרמאַן האָט געשריגן אויף מיר, ס׳האָט מיך ניט געאַרט. דעם טאָג האָט די וואָל זיך אַזוי געריסן. כ׳האָב געקנופּט און געקנופּט און ווילד געלאָזט לויפֿן די הילצערנע קלעצער. דער געדאַנק האָט געפּיקעט אין קאָפּ. וואָס זאָל איך זאָגן די מיידלעך? זאָל איך זיי דערציילן? – ניין. כ׳וועל זיי ניט דערציילן. זיי זיינען שולדיק. כ׳וועל זיי נאָר זאָגן: ״הערט שוין אויף, ס׳איז ניטאָ קיין שטרודל״.

דעם טאָג האָבן זיי מיך גאָרניט געפֿרעגט. פֿאַר נאַכט, אַהיים קומענדיק פֿון שאַפּ, איז דער קײַלעכדיקער טיש אין קיך געווען ריין אויפֿגעראַמט, די טעלער זיינען געשטאַנען גרייט צום עסן, פֿרישע קאָרענע ברויט איז געווען אָנגעשניטן. די שווערע אַנגסטן פֿון אין דער פֿרי זיינען געהאַנגען אין לופֿטן. כײַקע האָט דערלאַנגט עסן. מ׳האָט בײַם עסן גערעדט ווי געווײנטלעך. מײַן שווײַגן האָט גערעדט העכער. קיינער, אויסער דער גוטער כײַקען האָט ניט געוווּסט פֿאַר וואָס איך שווײַג הײַנט אַזוי בײַם טיש.

די בושה האָט אַזוי צעברענט מײַנע צעלן אַז איך געדענק זי אַ לעבן לאַנג.